STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01702

# YUKEL GANEF

## Harry Sackler

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Jeffrey Bernstein*
*in memory of*
*Gitty & Lou Green. May their memory be a blessing.*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי ה' שלום

# יוקעל גנב

א כאראקטער בילד אין איין אקט.

א. וואסערמאן
45 קלינטאן סט., ניו יארק.
.1909

גרייזעל, פרענער און קא., פרינטערס, 65 סאפאלק סט., נ. י.
277

Copyright 1909.

# פערזאנען:

ר׳ משה שארף, א רייכער בעל הבית.

יוקעל גנב, א בעל עגלה.

בתיה, זיין פרוי.

צירעלע, זייער טאכטער.

יוזיפ, א פערד־גנב.

---

ארט: א קליין שטעדטעל אין גאליציען.

---

צייט: די אבציגער יאהרען.

(יוקעל גנב'ס הויז; א קליינע, פיער־עקיגע שטוב. געגען דען הויפט־ארויסגאנג, גרויסע הרובע מיט אן אויוועז. רעכטס, א טיר, וואס פיהרט אין א קליין, פינסטער שטיבעל; אין דער פראנט, צוויי קליינע פענסטער מיט פערפרוירענע שויבען. צווי־שען די פענסטער, אן אלטמאדישער וואגען־זייגער. אונטער דעם זייגער, ביי דער וואנד, א באנק־בעטעל; נעבען דעם, א טיש מיט א ווייסער, הילצערנער באנק; צוויי בענקלאך. די גאנצע איינ־ריכטונג איז פראסט און ארימלעך).

---

## ערשטע סצענע.

### בתיה:

(רופט פונ'ם צווייטען צימער): יוקעל! יוקעל! וויפיעל האלט דער זייגער? (זי קומט אריין אין א ווייסען קאפ־טיכעל; זי איז נאך האלב פערשלאפען). ער איז שוין הפנים געגאנגען פאיען די פערד. אכט א זייגער שוין, און אין שטוב איז נאך ניט איינגעהייצט. (זי ציטערט פון קעלט). וועה איז צו מיר! אז עס וועט אזוי אנהאלטען, ווייס איך גאר ניט, וואס מיר וועלען טהאן. עס וועט אויסקומען פשוט דערפרוירען צו

ווערען. (זי נעהמט זיך אונטהייצען אין אויוועו, זיפצט) די לעצ־
טע פּאָר שאיטלעך האָלץ, און דערנאָך וועט מען אויסגעהן
פאר קעלט, ווערה איז צו מיר!

יוקעל:

(קומט אריין, קלאַפּט אָב דעם שנעע פון די שטיוועל).

בתיה:

ביזט געוועזען פאָיען די פערד?

יוקעל:

יא.

בתיה:

און ביי ר' משה'ן ביזטו געוועזען?

יוקעל:

(גראָב) צו ר' משה'ן געה דו!

בתיה:

גוואלד, מיר וועלען דאָך שטארבען פון הונגער!

יוקעל:

וועט מען אונז בעגראָבען.

בתיה:

(הויבט אָן שטיל צו וויינען) וועה איז צו מיר! וועה
איז צו מיין וועלט!

יוקעל:

(ווייבער) הער אויף צו הרויען! מען וועט שוין פיהרען!
כ'האָב בעגעגענט גדליה חם, האָט ער געזאָגט, אז ר' משה
טהיילט היינט קוויטעס.

בתיה:

נו, פאר וואָס־זשע געהסטו נישט אריבער צו ר' משה'ן
נעהמען די קוויטעס?

יוקעל:

נעהמען זאָל איהם ביי דער זיבעטער ריפּ! קום איך צו איהם, רייסט ער אַרונטער פרישע צוויי זעקסער אַ טאָג. ס'דאָ געננוג בעלי עגלות, זאָגט ער. ס'זאָל איהם געזאָגט ווערען אַ בראַנד אין הארץ! צו מיר זאָל ער קומען, וועט ער נישט רייסען.

בתיה:

וואָס־זשע, דו ביזט ביי איהם אַ בן־יחיד? ר' משה וועט דיך קומען בעטען? אַנדערש פּאַסט דיר נישט?

יוקעל:

כאַפּט דיך די כאָלערא מיט ר' משה'ן אין איינעם. איך זאָג, אַז ער וועט צו מיר קומען. אַלע בעלי־עגלות לאָדען צוויי מאָל; איך לאָד דריי מאָל! פערשטעהסטו?

בתיה:

זאָל זיין אויף דיינעם. נור ר' משה וועט מסתם אויס־צאָהלען ערשט דאָנערשטאג, און היינט איז ערשט מאָנטאג. וואָס טהוט מען דערווייל?

יוקעל:

נעהמט מען דאָס איבערבעט און מ'טראָגט אָב צו שרה דער שוחט'קע און מ'נעהמט נאָך צוויי רייניש.

בתיה:

אין אזא קעלט? כ'וועל דאָך פערפרוירען ווערען.

יוקעל:

וועסטו דיך צודעקען מיט מיין בורנוס.

בתיה:

און וואָס וועסט דוא טהאָן?

יוקעל:

נישט דיין מאמעם עסק. איך קען מיך צודעקען מיט א זאק. נו, געה שוין, און ברענג פאר א פאר קרייצער י"ש.

בתיה:

(געהט אריין אין קליינעם שטיבעל און קומט ארויס אין א פאר מינוט שפעטער מיט א שאל אויפ'ן קאפ און א גרויס פעקעל אונטער'ן ארים, און לאזט זיך געהן צו דער טהיר.)

---

## צווייטע סצענע.

יוזיפ:

(אנגעטהאן אין א לאנגען בורנוס און איינגעהילט אין א שאל, וואס פערדעקט די אונטערשטע העלפט פנים, אויפ'ן קאפ א גרויסע קוטשמע, טיעף ארונטערגערוקט איבער זיינע אויגען) גוט מארגען, ר' יוקעל. (יוקעל און בתיה קוקען אויף איהם פערוואונדערט.)

יוקעל:

גוט מארגען, גוט יאהר. וואס האט איהר עפעס צו זאגען?

יוזיפ:

עט אזוי, ס'איז זעהר קאלט אין דרויסען, בין איך אריינגעקומען צו א קרוב, זיך א ביסעל דערווארימען.

יוקעל:

מהיכא תיתא. קומט נעהנטער און זעצט אייךביים אויווען. (יוזיפ זעצט זיך ביים אויווען.)

בתיה:

(שטילערהייד צו יוקלען) הער, ער זאגט דאך, אז ער איז א קרוב, וואס־זשע פרעגסטו ניט, ווער ער איז?

יוקעל:

זאָגט נור, ר' קרוב, ווי הייסט איהר?

יוזיפ:

איך בין משה יאָסעל רחל'ס פון מיקאָליטשען, אייערס א גליעד־שוועסטער־קינד פון דער מאַמעס זייט

יוקעל:

(תמ'עוואַטע) איך בין ניט בעקאַנט אין דעם יחוס־בריעף פון אונזער משפחה זאָל זיין א גליעד־שוועסטער־קינד. שלום עליכם. (גיט איהם די האנד.)

יוזיפ:

עליכם שלום. (צו בתיה'ן) און וואָס טהוט איהר עפּעס, ר' יוקעל'ס וייב? כ'האָב איך שוין ניט געזעהן א לאַנגע צייט, אָן ערך פון פערצעהן יאָהר; פון חיה'לע דעם פעטער נחמן'ס חתונה אָן. אייער צירעלע איז דאַמאָלס נור וואָס ענט־וועהנט געוואָרען; אָ, א געוואַלד מיט יאָהרען.

בתיה:

אָט א שעהנעם דאנק; אודאי, דאַמאָלס געווען בעסערע יאָהרען.

יוזיפ:

און וואָס טהוט עפּעס צירעלע? שוין מסתם א כלה־מויד?

בתיה:

אזא יאָהר אויף מיר, ס'א קינד דאָס איז; ליכטיג ווי די זון און שעהן ווי א רויז. ס'זאָל זיך מיר טרעפען נור עפּעס א לייטישער שידוך, וואָלט איך גאָר געווען צופריעדען.

יוקעל:

וויים איך וואָס, וויים איך ווער! וואָס טויג איהר א שידוך? זי וועט ניט אָנוועהרען שפּעטער מיט פינף יאָהר

צו נעהמען א בעל עגלה יונג, וואָס זאָל שטאַרבען דריי מאָל א טאָג פאר הונגער.

ב ת י ה :

ער מוז אלץ אריין מיט זיינע שטוקעס. לאָמיר הערען; אפשר יא. (צו יוזיפען, ווייך) איהר ווילט מסתם עפעס איבערכאַפּען. אָט געה איך שוין ברענגען.

י ו ק ע ל :

זאָגט מיר, גליעד־שוועסטער־קינד, איהר זיינט געקומען רעדען מיין צירעלען א שידוך?

י ו ז י פ :

יא, ר׳ יוקעל. (צולאַכט זיך אויפ׳ן נאַטירליכען קול און האַלט זיך ביי די זייטען; די שאַל פאַלט אראָב פון זיין פנים.)

ב ת י ה :

אוי, ס׳איז יוזיפ! א שווארצער חלום צו דיין קאָפּ און צו דיין לייב און לעבען!

י ו ק ע ל :

(לאַכט) אויב אזוי, קומט דאָך דיר טאקע נאָך א מאָל א שלום עליכם. (ער גיט איהם די האַנד.)

י ו ז י פ :

איהר זעהט, ווי מ׳קען אייך אָנטהאָן די קופּקע...

ב ת י ה :

וואָס זאָגט מען נישט צו׳ן אזא מה יעשה׳ניק! דערצעהלט אויפ׳ן בוידעם א יריד, גיט אָן אמת׳ע סמנים און געה ווייס, אז דאָס איז יוזיפ ממזרוק! נו, איצט געה איך שוין מיט מיין פעקעל. (געהט אָב).

יוקעל:

נו, יוזיפ, וואס מאכסטו עפעס? שוין גיט געזעהן זיך א שאק מיט יאהרען. וואו ביזטו די גאנצע צייט געוועזען?

יוזיפ:

כ'בין געוועזעןביים קייזער אויף קעסט.

יוקעל:

וואס זשע? שוין ווידער גע'ישבעט? אי, יוזיפ, יוזיפ! כ'האב געמיינט, אז דו ביזט שוין מעהר מענש געווארען. כ'לעבען, דו ביזט דאך א גילדענער בעל מלאכה. נור דו הפנים קענסט דיך נישט אבורייסען פון צעך, און דו ווייסט דאך, סוף גנב — תליה.

יוזיפ:

זאל מיר אזוי גאט העלפען, יוקעל, אז דאס מאל בין איך אומזיסט געזעסען, ממש אומזיסט. אדרבה, הער אויס, ווי אזוי דאס איז געווען, און זאג אליין, צו בין איך עפעס שולדיג, צו ניין. איך בין מיר אזוי אין יאניווע אויפ'ן יריד, זעה איך, ווי א רייכער ערל פערפאהרט מיט פערד און וואגען אין קרעטשמע אריין. איך טהו א קוק, א פאר פערדלעך, מלכות! צוויי פוקסען, ווי די לייבען! אין דרויסען איז געבליבען א שייגעץ אכטונג געבען, געה איך צו'ן איהם צו און לאז מיך מיט איהם אריין אין א ברייטען שמועס מכח דעם ומכח יענעם. דערווייל נעהם איך ארויס א פעקעל דרייצעהנער*), מאך מיר א ציגאר און גיב דעם שייגעץ א ציגאר, פרעג איך איהם, צו האט ער ניט א שוועבעלע. זאגט ער, ניין. זאג איך איהם: געה־זשע אריין אין קרעטשמע און ברענג א

*) א סארט טאבאק.

שוועבעלע! געהט ער אריין ברייגנען א שוועבעלע און איך זעץ מיך אויף דער קעלניע און — וויא!

יוקעל:

(צולאכט זיך) הא, הא, הא! דאס הייסט ביי דיר אומזיסט?

יוזיפ:

כאפ־זשע ניט! הער ווייטער: פאהר איך מיר אוועק מיט מיינע פוקסען אויפ'ן ליסקער וועג און קלער שוין ווי אזוי פון זיי פטור צו ווערען, ווער־זשע קומט מיר אנטקעגען? בערעל דער רויטער! און פאהרט אויף א פריציש'ער ברידזשקע מיט א פאר פייערדיגע קארעס, אז עס פונקעלט. פרעגט ער מיך: פון וואנען פיהרסטו די פיקסלאך? דערצעהל איך איהם. פרעג איך איהם: וואו האסטו גע'ירש'עט דיינע קא־רעס? דערצעהלט ער מיר א מעשה, אז ער האט זיי אויס־געליהען ביים מיסליוויער גוטס־בעזיצער און אז ער האט שוין אויף זיי אפילו די מעטריקע. צום סוף זאגט ער: ווייסטו וואס, לאמיר זיך בייטען, וועט זיין א ביסעל לייכטער אויפ'ן הארצען. איך בעשטעה, שפרינג ארויף אויף זיין ברידזשקע און ער אויף מיין וואגען און, פשאל! איך קיין לאבעכאוו און ער קיין פדאלסק. נור אזוי ווי איך פאהר אזוי אויפ'ן וועג, קומט מיר אנטקעגען א שפיסעל*), טהוט מיר אן דעם בראנדזאלעט און געה, ברודערקע, אויף פיער יאהר אין לאך אריין. (זיפצט). אזוי איז, אז מען האט קיין מזל ניט.

יוקעל:

ווי לאנג ביזטו שוין אין דרויסען?

---

*) א זשאנדארם.

יוזיפ:

אַן ערך פון פינף וואָכען. שוין אויסגעוועזען א וועלט. נור עס איז ביטער, ברודער. די פּרנסה איז שטאַרק געשלאָגען. שווער היינטיגע צייטען צו פערדיענען א לייכטען רייניש.

יוקעל:

נו, און דו מיינסט, אז מען וויל כשר האַרעוועןאויפ'ן רייניש, קען מען פערדיענען? ר' משה שארף זאָל אזוי האָבען זיין קאָפּ!

יוזיפ:

כ'פערשטעה, יוקעל ברודער, אז דו ביזט אויף געבראָטענע צרות. וואָס־זשע, מען פיהרט שוין ניט קיין האָלץ?

יוקעל:

זייט מען האָט געמאַכט די באַהן לעבען גרויסען וואלד, פיהרט מען נור פיער חדשים פון'ם קליינעם וואלד; און א יאָהר האָט גאַנצע צוועלף חדשים.

יוזיפ:

וואָס־זשע טהוט מען די איבריגע אכט?

יוקעל:

וואָס פערשטעהסטו ניט? מ'הונגערט און מ'שעלט.

יוזיפ:

פערקויפט מען פערד און וואָגען און דאָס שטיבעל, און מ'ציהט אַרויס קיין סטאַניסלאַ. אין א גרויסער שטאָדט איז תמיד דאָ וואָס צו טהאָן.

יוקעל:

פערד און וואָגען מיט'ן שטיבעל זיינען שוין לאַנג ניט מיינע; דאָס געהערט שוין צו ר' משה שארף.

י וז י פ:

ווי מיינסטו?

י ו ק ע ל:

וואָס פערשטעהסטו ניט? אז מ'איז הונגעריג, מוז מען געהן צו ר' משה שארף לייען אַ פּאָר רייניש אויף עסקא. עסט מען אויף די פּאָר רייניש, מוז מען געהן נאָך אַ מאָל. דערווייל וואקסט אָן די עסקא, גיט ר' משה צו נאָך אַ פּאָר רייניש, און שרייבט איבער אויף זיך. איצט צאָהל איך ר' משה'ן דירה־געלד פאר מ י י ן דירה, און שכירות פאר מ י י ן פערד און וואָגען. כאַפּט איהם די כאָלערא!

י ו ז י פ:

אַי נישט גוט, ברודער.

י ו ק ע ל:

אָבער, אָבער נישט גוט. דעם ווינטער איז שוין אזוי ביטער, אז נור גאָט ווייסט. מ'האָט שוין געקענט פיהרען ביז איצט גאַנצע פינף וואָכען, האָבען אָבער די בעלי־עגלות געוואָלט פינף זעקסער אָן הוספה. האָט ר' משה שארף זיך מישב געווען, ער האָט נאָך צייט. דער עולם וועט זיך בעסער אויסהונגערען, וועט מען ניט וועלען קיין הוספות; און ער האָט טאקי אויסגעפיהרט: הלואי זאָל ער נור ניט נאָך עפּעס ארונטעררייסען.

י ו ז י פ:

וואָס־זשע האָסט דערווייל געטהאָן?

י ו ק ע ל:

כ'האָב אויפגעגעסען מיין צירעלע'ס שכירות; זי דיענט ביי ר' משה'ן. צרות, ברודער, אז מ'דארף עסען פון אַ קינד'ס הארעוואניע. נור וואָס האָב איך געקענט טהאָן? (פּויזע.)

גלויב מיר, יוזיפ, עס טרעטען מיר א מאָל אזוי צו צום האַר־
צען מיינע וועהטאָגען, אז איך וויל כאַפּען א קיל, ארויסלוי־
פען אין גאַס און דערהרג׳ענען דעם ערשטען בעסטען בעל־
הבית, וואָס איך וועל בעגעגענען! זיי זיינען שולדיג אין
אונזער נויט, ברודער! זיי טהוען גאָר נישט, און זיי פרעסען
און זויפען און געהען אין סויבעלנע פוטערס און וואוינען אין
ווארימע דירות! (קלאַפּט מיט די פויסטען אין טיש). און וואו
נעהמען זיי, אז נישט ביי אונז? וואו? א כאָלערא זאָל זיי
אויסכאַפּען איינס ווי ס׳אנדערע! א כ־כ־כ־אָ — (שטיקט זיך
פון אויפרעגונג.)

יוזיפ:

נו, זעהסטו, און דו מוסר׳סט מיך פאר וואָס איך בין א
גנב! אזוי איז, ברודער, אז זיי נעהמען ביי דיר דיינס
פאַרינט ארימער, נעהם עס אָב ביי זיי הינטען ארימער. זיי
זיינען אויך גנבים! נור מעהר נישט, זיי האָבען געלד, קויפען
זיי זיך אויס, אז מ׳כאַפּט זיי; מיר, פּראָסטע גנבים, מוזען
אָבזיצען. נור וואָס האָסטו פון די אלע זאכען? דו, יוקעל,
פאָלג מיך און ווער א מענש. ווייסט, וואָס איך וועל דיר
דערצעהלען? איך נעהם דיך צו פאר א שותף. היינט ביי־
נאַכט דארף איך ארויסנעהמען א פּאָר שעהנע שימלען ביים
ליהוּוער גוטס־בעזיצער; ס׳איז שוין דאָ א קונה אויף זיי,
און דאָס עסק וועט ברענגען פופציג קיילעכדיגע רוח. וויל־
סטו זיין א שותף, יוקעל? איז יחדו!

יוקעל:

(נאָכדענקענדיג) הם.. ניין! איך בין שוין היינט באַלד
פערציגער. נישט כדאי אָנצוהויבען.

יוזיפ:

זיי ניט קיין יאָלד! און אז מ'איז א פערציגער? האָסטו נאָך אויך צייט צוואַנציג יאָהר אָנגעשוואָלען צו ווערען פון הונגער ביז מ'וועט דיך אריינגעהמען אין הקדש אריין. דעם טיטעל האָסטו סיי ווי סיי.

יוקעל:

איך האָב קיינמאָל ניט גע'גנב'עט פאר וואוילטאָג. אודאי אז דער טאַטע, זאָל זיך מיהען, איז אוועקגעפאַלען, איז פעסיע געווען א זויג־קינד און איך האָב נור־וואָס אָנגעהויבען תפילין־לייגען. די מאַמע, זאָל זיך מיהען, איז געווען קראַנק און מיר זיינען געשוואָלען געוואָרען דריי מאָל א טאָג פאר הונגער. נו, האָב איך מיך געמוזט ארויסכאַפּען אין פעלד אריין אָנברעכען עטליכע קוקוריצעס אָדער כאַפּען א הוהן. נור פאר דעם איז אפילו גאָט נישט ברוגז.

יוזיפ:

איך אודאי ניט! נור איך זאָג, אז עס וואָלט גלייכער געווען פאר דיר —

יוקעל:

(אונגעדולדיג) לאָז צורוה, יוזיפ, לאָז צורוה! דערווייל נעהמט מען זיך שוין הייגט פיהרען.

---

## דריטע סצענע.

בתיה:

(קומט אריין און שטעלט אַוועק אויפ'ן טיש א פלעשעל שנאַפּס מיט נאָך אַנדערע עסענוואַרג) יוקעלע מוז זיינם אויספיהרען! ר' משה שארף געהט צו איהם.

יוקעל:

ניין! איך האָב דיר געזאָגט, אַז ער וועט קומען.

ר' משה:

(אַ הייכער, שעהנער איד, מיט אַ שוואַרצער, שעהן געקעמטער באָרד; זיין שטאַרקער, גוט־ענטוויקעלטער קערפּער איז אין גאַנצען איינגעהילט אין אַ טהייערען פּעלץ; אויפ'ן קאָפּ טראָגט ער אַ שעהנע פערזיאַנער קוטשמע; אונטער'ן אָרים אַ תּפילין־זאק) גוט מאָרגען! דו ווייסט, יוקעל, אַז מ'נעהמט זיך שוין היינט פיהרען? (יוזיפ שאַרט זיך אַרום אין קליינעם שטיבעל.)

יוקעל:

יאָ, מ'האָט מיר שוין מודיע געווען.

ר' משה:

נו, וויפיעל מאָל וועסטו היינט לאָדען?

יוקעל:

אזוי ווי תמיד: דריי מאָל.

ר' משה:

הער־זשע, יוקעל, דיר וועל איך גאָר נישט ארונטער־רייסען; פּאָרט עפּעס אַן אַלטער גוטער ברודער. נאַ, דאָ האָסטו צוויי קוויטעס (גיט איהם די קוויטעס). דאָס דריטע מאָל וועסטו לאָדען בליינד.

יוקעל:

און אַז מ'וועט כאַפּען, הא?

ר' משה:

זאָרג נישט, ס'איז אַלעס געדעקט; מ'וועט ניט כאַפּען.

יוקעל:

פאַר דריי יאָהרען איז אויך געווען אַלעס געדעקט. נור אַז מ'האָט געכאַפּט, איז ר' משה שאַרף געזעסען אין דער

חיים און געטרונקען טהיי, און יוקעל גנב איז געזעסען צוויי חדשים אין קוויזיט*).

ר' משה:

זיי־זשע ניט קיין חצוף, יוקעל. אז איך זאָג ס'איז גע־דעקט, ווייס איך, וואָס איך רעד.

בתיה:

(וועלכע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און געקוקט מיט דרך ארץ אויף ר' משה'ן) איהר קענט איהם דען ניט, ר' משה? איהר דאַרפט אייך חלילה גאָר נישט מאַכען דערפון. אַט רעדט ער. ס'זאָל מיר זיין, וואָס אונז ווינשען מיר אייך! (יוקעל גיט אויף איהר אַ בייזען קוק) נו? וועה איז מיר! איך האָב אפילו ניט געבעטען זיצען, אזא טהייערער גאַסט! זעצט אייך, ר' משה, זעצט אייך. (טראָגט איהם צו אַ בענקעל).

ר' משה:

אַ שעהנעם דאַנק. וואָס טהוסטו, בתיה?

בתיה:

(אונטערטהעניג, שמייכלענדיג) אַט, וואָס זאָל מען טהאָן? אודאי, ווען איך בין געווען ביי אייער מאמע, זאָל זיין אַ מליץ יושר, זיינען געוועזען בעסערע צייטען. (זיפצט) נישטאָ מעהר די יאָהרען! נו, זעצט אייך, ר' משה, זיצט.

ר' משה:

איך האָב קיין צייט נישט. איך געה איצט פונ'ם דאַוו־נען און מוז גלייך אהיים געהן. נו, יוקעל, פאַהרסטו באַלד אַרוים?

---

* קרימינאַל פאַר'ן פראָצעס.

י ו ק ע ל :

יאָ, כ'וועל נור עפּעס איבערבייסען.

ר' מ ש ה :

נו, א גוטען טאָג. (געהט).

ב ת י ה :

(בעגלייטענדיג) אַ גוטען טאָג, א גוט יאָהר, ר' משה. געהט געזונטערהייד.

י ו ז י פ :

(אַרויסקומענדיג פונ'ם שטיבעל.) נו, זעהסטו, יוקעל! אז שוין יאָ מאַכען מיט דער רי"ש (גנב'ענען), מאַכט מען שוין פאַר זיך אליין.

ב ת י ה :

וואָס הייסט פאַר זיך אליין? ר' משה האָט פּראָטעקציע און אז מ'כאַפּט אפילו לאָזט מען אויך ארוים. אָבער אז מ'גנב'עט פאַר זיך אליין, און מ'כאַפּט, זיצט מען טאַקע.

י ו ז י פ :

לאָזט מען אויך ארוים. נישט מעהר, מ'זיצט אַ ביסעל לענגער, האָט מען כאָטש פון דער גנבה א גוטען ביסען. דו, יוקעל, האָב ר' משה שאַרף טיעף אין דער אדמה, און קום מיט מיר, יוקעל ברודער, מ'וועט לעבען א טאָג, אזא יאָהר אויף מיר.

י ו ק ע ל :

האָק נישט קיין דולער, יוזיפ. איך געה פּיהרען. (צו בתיה'ן) דו מאַך נור עפּעס עסען. (בתיה הויבט אָן זיך פּאַרען.)

י ו ז י פ :

נו, זאָל שוין זיין אזוי; געה איך מיר זוכען אַן אנדערען שותף. נור איידער איך געה, וויל איך דיך נאָך עפּעס פרע־

גען. זאָג מיר נור, וואָס הערט זיך עפּעס מיט פּעסיען?

יוקעל:

(מיט אַ פינסטערער פּנים) זי איז ווי אין ים אריין. איך וויים גאָר נישט פון איהר.

יוזיפ:

ווי לאַנג איז עס, אז זי איז אוועק?

יוקעל:

דאכט זיך מיר, אז עס ווערט דעם ווינטער פיער יאָהר.

יוזיפ:

וואָס איז מיט איהר אזוינס געשעהן?

יוקעל:

וואָס וויים איך? איינמאָל, אין אַ ווינטער אין דער־פריה, קומט זי צוגעהן בלייך און פערוויינט און זאָגט, אז זי וויל אוועקפאָהרען דיענען אין אַ גרויסער שטאָדט. זי האָט דאַמאָלס געדיענט ביי ר׳ משה׳ן און האָט גענומען גאַנצע זעכציג אַ יאָהר. זאָג איך צו׳ן איהר: וואָס טויג דיר אַ גרויסע שטאָדט? נישט בעסער לעבען ברודער? מ׳זעהט זיך כאָטש אַ שבת, אַ יום טוב. וואָס טויג דיר צו זיין אין גאַנצען אין דער פרעמד? זאָגט זי, זי וויל דוקא פאָהרען; ביי ר׳ משה׳ן איז איהר נישט גוט, און בתיה האַלט מיט איהר. זי זאָגט אויך, אז אין אַ גרויסער שטאָדט איז בעסער; מ׳פער־דיענט מעהר געלד און מ׳קריגט לייכטער אַ שידוך. זאָג איך, אז ס׳איז אזוי, גו, פאָהר געזונדערהייט. זי איז טאַקי דעם טאָג אוועקגעפאָהרען, און שוין! קיינער וויים ניט, וואו איהר געביין איז אהינגעקומען.

יוזיפ:

איך האָב צו דיר אַ גרוס פון איהר.

יוקעל און בתיה:

(איבערראשט) וואס?

יוזיפ:

איך האב זי געטראפען אין לעמבערג; זי האט מיר אלעס דערצעהלט.

יוקעל:

וואס טהוט זי דארט?

יוזיפ:

פרעג נישט, ברודער; זי איז אויף געבראטענע צרות. נישט מעהר די שעהנע, שטילינקע פעסיע פון א מאל. א תל איז פון איהר געווארען; א רחמנות אויף איהר צו קוקען.

יוקעל:

וואס טהוט זי דארט, פרעג איך.

יוזיפ:

זי שרייבט ניט קיין ספרים. זי דרעהט זיך ארום אין די גאסען און — רופט.

בתיה:

(שרייט אויס) אוי! (יוקעל שטעהט, ווי פערשטיינערט.)

יוזיפ:

איך האב אייך נישט געוואלט קיין יסורים אנטהאן. נור זי האט מיך בעשווארען, אז איך זאל אייך דוקא דערצעהלען. זי זאגט, אז ס'טהוט איהר באנג, פאר וואס זי האט מיט פיער יאהר צוריק אליין ניט דערצעהלט. אפשר וואלט זי נישט געווען אזוי טיעף געפאלען. זי וויל איך זאל אייך אלעם דערצעהלען. אפשר וועט איהר זי נאך קענען ראטעווען.

יוקעל:

(שטיל) נו, דערצעהל.

יוזיפ:

ווען זי איז אוועקגעפאהרען, איז זי געווען אין די הויכע וואכען; פון א היגען בעל הבית טאקי, אויב נישט פון ר' משה שארף אליין. אז זי האט דערצעהלט דעם סוד, האט מען איהר ארייגגערוקט א פופציגער און מ'האט איהר גע־הייסען, זי זאל זיך נעהמען דעם דרך. זי איז אוועקגעפאה־רען קיין לעמבערג און דארט זיינען ביי איהר אוועק די פאר רייניש איבער דער קינפעט. דאס קינד, פערשטעהסטו מיך, איז מ'סתם דערוויל געשטארבען און זי איז געווארען אן אם. נו דו ווייסט דאך, אז דורך אן אפענעם טהויער געהען אריין די חזירים, און זי האט אנגעהויבען צו נעהמען געלד דערפאר. דער סוף איז געווען, זי איז געווארען פראסט פשוט, א נפקה. דערוויל האט זי זיך גענומען צום טרינקען; זי זאגט, אז פאר הארצוועהטאג. נור איצטער זאלסטו זי אנקוקען. ס'האט מיך געריסעןביים הארצען.

יוקעל:

(שטיל פאר זיך) פעסיע, פעסיע.

יוזיפ:

איך האב זי געוואלט מיטנעהמען מיט מיר, האט זי בשום אופן ניט געוואלט. יוקעל און בתיה וועלען מיט מיר בושות איינגעהמען, האט זי גע'טענה'ט. אויב זיי ווילען מיך האבען ביי זיך, זאל יוקעל נאך מיר קומען.

בתיה:

חלילה, ווי קען ער פאהרען? נאך איצט, אז מען הויבט אן פיהרען, חלילה! (פויזע).

יוקעל:

(זיך אויפכאפענדיג פון געדאנקען) הפנים אלעס איז ר'

משה׳ס, די שטוב, ר׳ משה׳ס; פערד און וואגען, ר׳ משה׳ס; פעסיע אויך ר׳ משה׳ס. איך וועל איהם נאך א מאל נעהמען ביים גארגעל, וועט איהם כאפען א כאלעריע! א כ־כ־כ־א — (ערשטיקט פון אויפרעגונג).

ב ת י ה :

(וויינענדיג) יוקעל, וואס טויג דיר צרות? ס׳איז דאך שוין פערפאלען. מיר וועלען שרייבען פעסיען א בריוועלע און מיר וועלען זי שעהן בעטען אהיים קומען. איך וועל צו׳ן איהר זיין ווי אן אייגענע מאמע. נור, כ׳בעט דיך, הויב דיר נישט אן מיט בעלי־בתים. זיי קענען אונז חלילה אויפ׳ן פייער ברענגען.

י ו ז י פ :

טאקי, יוקעל, דאס איז דאס בעסטע, וואס דו קענסט טהאן. כ׳לעבען, בתיה האט נאך שכל אין קיטשמעלע.

י ו ק ע ל :

(טהוט זיך א לאז צו דער טהיר) איך געה שפאנען. (אב.)

י ו ז י פ :

אין יוקלען זידט. אז ס׳וועט א מאל פלאצען וועט גע־שעהן א מיאוס׳ע מעשה.

ב ת י ה :

(הוידעט מיט׳ן קאפ) וועה איז צו מיר! וועה איז צו מיין וועלט!

---

## פיערטע סצענע.

צירעלע:

(אַ יונג, שעהן מיידעל, מיט ברוינע האָר און שוואַרצע אויגען, אָרימלעך געקליידעט, לויפט צו צו בתיה'ן און פלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין) מאַמע! מאַ—מע!

בתיה:

(ווערט בלייך) וועה איז צו מיר! וועה איז צו מיין לעבען! וואָס איז געשעהן? וועה איז מיר!

צירעלע:

(כליפּענדיג) איך וועל נישט זיין ביי ר' משה'ן, איך וויל נישט, מאַמעניו!

בתיה:

פאַר וואָס? וואָס האָט מען דיר געטהאָן? וועה איז צו מיין וועלט?

צירעלע:

ר' משה... ר' משה...

בתיה:

(נאָך מעהר אומרוהיג) וואָס איז, ר' משה? וואָס איז? ער טשעפּעט זיך מיט דיר?

צירעלע:

(צואווייגט זיך אויפ'ן קול און הוידעט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.)

בתיה:

נו, גאָט איז מיט דיר! לאָזט מען נישט! מ'יאָגט איהם אוועק! וועה איז צו מיין וועלט!

צירעלע:

איך קען נישט. ער איז שטאַרקער פון מיר. ער האלט

מיך מיט געוואלט. (צוואווייגט זיך שטארקער) מאמעניו, איך וויל נישט צוריקגעהן! איך וויל נישט!

יוקעל:

(קומט אריין ביי די לעצטע ווערטער) וואס איז שוין נייעס? וואס וויינט זי? (צירעלע ווערט שטיל.)

בתיה:

וויים איך? עפעס קלאגט זי זיך, אז דער קאפ טהוט איהר וועה. (צומישט) ע, ס'איז גאר נישט, כ'לעבען, ס'איז גאר נישט.

יוקעל:

דו וועסט דאס דערצעהלען דיין באבע דער שכור'טע אויפ'ן קבר. איך וויל וויסען, וואס זי וויינט.

בתיה:

א שווארצער, וויסטער חלום צו מיינע שונאים'ס קעפ. דאס קינד איז עפעס נישט געזונד! וואס ווילסטו וואס?

יוקעל:

(טהוט א כאפ א ביטש פונ'ם ווינקעל) דו זאגסט, צו ניין? (ברומענדיג) איך וויל וויסען, וואס זי וויינט!

צירעלע:

(טהוט א היסטערישען קוויטש און בעהאלט זיך הינטער דער מוטער.)

בתיה:

רוצח, וואלד־גזלן! האסט דאך זי איבערגעשראקען אויף טויט. וואס ווילסטו, וואס?

יוזיפ:

לאז צורוה, יוקעל. איך וועל דיר דערצעהלען. זי בעקלאגט זיך אויפ'ן בעל הבית, אז ער טשעפעט זי.

יוקעל:

(אין א ווילדער רציחה) וואָס־זשע, שוין? ער האָט דיך שוין איספּראַוועט? (ער ציטערט אין גאַנצען קערפּער.)

צירעלע:

(וויינענדיג) ניין, ניין, טאַטעניו! ער האָט נור געטשעפּעט זיך. איך וויל נישט צוריקגעהן! איך וויל נישט!

בתיה:

(ברעכענדיג די הענד) וועה איז צו מיר! וועה איז צו מיין לעבען!

יוקעל:

(בערוהיגט זיך) קום אהער, צירעלע, און דערצעהל מיר אַלעס; קום אהער!

צירעלע:

זייט איך בין דאָרט, לאָזט ער מיך נישט צורוה. ווען ער טרעפט מיך אַליין אין קיך, כאַפּט ער מיך ארום און קושט מיך, און איך קען מיך ניט ארויסרייסען; ער איז אַזוי שטאַרק, ווי א בער.

יוקעל:

פאר וואָס־זשע האָסטו מיר ניט באַלד דערצעהלט? וואָלט איך דיך געוועזן אַבגענומען.

צירעלע:

איך האָב מיך געשעהמט, טאַטעניו, איך האָב מיך געשעמט צו דערצעהלען. נור לעצטע נאַכט איז ער שוין געקומען אין קיך אריין, העט שפּעט, ווען איך האָב שוין געשלאָפען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט און מיר אריינגערוקט א פּאַפּירעל אין דער האַנד און געזאָגט: נאַ, דאָ האָסטו פינף גולדען און זיי א גוט מיידעל. און דערנאָך

האָט ער מיך ארומגענומען (צואווײנט זיך ווידער) אוי, טאַטעניו!

יוקעל:

(אָטהעמלאָז) און וואָס איז געשעהען? און וואָס איז געשעהען?

צירעלע:

ניין, ניין, טאַטעניו! גאָר נישט! איך האָב מיך צורווינט אויפ'ן קול, איז ער אוועקגעגאַנגען.

יוקעל:

(אָטהעמט אָב לייכטער) כאַפּט איהם די כאָלעריע! דו, צירעלע, בלייב אין דער היים ביי דער מאמע. זאָל ר' משה זיך זוכען אַנדערע דיענסטען, כאַפּט איהם די כאָלעריע!

בתיה:

וועה איז צו מיר! וועה איז צו מיין לעבען!

יוקעל:

(בייז) נבלה! הער אויף צו וויהקען! מ'הויבט שוין אָן צו פיהרען. ר' משה'ן וועט דער רוח נישט נעהמען. איך געה ארויספאָהרען. יוזיפ, זיי געזונד און זיי מצליח. (ער לאָזט זיך געהן צו דער טיהר; ר' משה קומט איהם אַנטקעגען; צירעלע אַנטלויפט אין קליינעם שטיבעל.)

---

לעצטע סצענע.

ר' משה:

(ברוגז'לאך) זאָגט נור, וואָס פאַר מאָדעס איז דאָס עפּעס? וואָס איז עפּעס צירעל אַנטלאָפען היינט אין דער פריה אָהן א זיי געזונד? איך קום אהיים פונ'ם דאַווענען, היים מיר געבען פריהשטיק, דערצעהלט מען מיר, אז צירעל האָט זיך

געגומען דאָס פעקעל און איז אנטלאָפען. וואָס פאַר א מאָ־דעס איז דאָס עפּעס ?

ב ת י ה :

(וויינענדיג) ר׳ משה, איהר זאָלט לאַנג לעבען און געזונד זיין. דאָס קינד, נישט פאַר אייך געדאַכט, איז עפּעס נישט בקו, ס׳וועט איהר א ביסעל לייכטער ווערען, וועט זי צוריקגעהן.

ר׳ מ ש ה :

וועמען דערצעהלט איהר עס מעשות ? אז מ׳ווערט ביי מיר קראַנק, לאָז איז אליין אויסקורירען ; דאַרף מען ניט אנטלויפען. נור זי איז נישט קראַנק. עפּעס האָט זי זיך אָנגע׳ברוגז׳ט און איז אנטלאָפען. און מיין חיה דבורה ליגט קראַנק אויף רהיימאַטעס און קען זיך ניט ריהרען. זייט מוחל, און שיקט זי צוריק.

י ו ק ע ל :

זי וועט ניט געהן צוריק, זי וועט זיין אין דער היים.

ר׳ מ ש ה :

(ברוגז) וואָס ? הערסטו ! נעהמט אָפּ שבירות פאַר א יאָהר און אנטלויפט אין מיטען דערינען. הער־זשע, יוקעל, ביי מיר איז קיין חכמות ניטאָ. שיקסטו זי אָפּ מיט גוטען, איז גוט. אז נישט, לאָז איך זי ארייגזעצען פאַר אנטלויפען אין מיטען דיענסט. הערסט א מעשה !

ב ת י ה :

זי וועט צוריקגעהן, ר׳ משה ; זי וועט צוריקגעהן.

י ו ק ע ל :

דו זאָלסט אזוי האָבען דעם קאָפּ, שפּלה וואָס דו ביזט !

וועןן ר׳ משה קומט אפילו מיט טויזענד זשאנדארען, קען ער ביי מיר מיין קינד נישט נעהמען.

ר׳ משה:

זייט וועןן ביזטו עס אזא תקיפ, יוקעלע? איך וועל דיר ווייזען, וואס דאס הייסט זיין א חצוף ביי ר׳ משה שארף! די ערד וועסטו נאך קייען, יוקעלע גנב!

יוקעל:

(כאפט די קוויטעס און גיט זיי א ווארף ר׳ משה׳ן.) נאט, דא האט איהר די קוויטעס און טראגט זיך אפ פון דאנען, ווייל אז נישט —

ר׳ משה:

(אין רציחה) הערסט א חוצפה? די שטוב איז מיין שטוב! דו האסט נאך קיין דירה־געלד נישט בעצאהלט. איך קינדיג דיר ביז פערצעהן טעג. פערד און וואגען וועסטו אב־פיהרען צו מיר אין שטאל אריין, און אז דיין מויד געהט נישט אבדיענען איהר צייט, לאז איך זי ארייגזעצען. פערשטעהסט, יוקעלע גנב? ביי ר׳ משה שארף איז קיין חכמות ניטא! דו קענסט דיר אויפנעהען א טארבע און געהן איבער די הייזער.

יוקעל:

(בעהערשט זיך און רעדט לאנגזאם) הערט־זשע אוים, ר׳ משה. איך בין טאקי יוקעל גנב, און איהר זייט ר׳ משה. נור איהר פערדיענט כשר׳ער מיין נאמען. איהר האט מעהר גע־גנב׳עט פון מיר. נור אייך איז הפנים אלץ ווייניג. איהר האט צוגענומען מיין הויז! איהר האט צוגענומען מיין פערד גגען! איהר האט מיין איינציגע שוועסטער פעראונ־... ...יהר א תל געמאכט! איצט הייסט איהר מיר

נעהמען א טאַרבע און געהן אין די הייזער! נו, וועל איך געהן! (ווילדער) אָבער אז איהר ווילט דוקא פעראונגליקען מיין קינד, מיין איינציג אויג אין קאָפּ (שרייענדיג), מיין קינד! (ער טהוט א שפרונג און כאַפּט אָן ר׳ משה׳ן ביים גאָרגעל; ר׳ משה פאַלט צוריק צ ודער וואַנד). מיין קינד! וועל איך איך דערוועררגען מיט מיינע הענד! גזלן! רוּיבער! (ער וואַרגט איהם, און ר׳ משה ראַנגעלט זיך און כאָרכעלט.)

בתיה:

(שרייט) געוואַלד,! געוואַלד! ראַטעוועט! ער וועט איהם נאָך דער׳הרג׳ענען! (שרייט אין דער טהיר. צירעלע לויפט אריין, בלייך ווי די וואַנד, און וויינט; יוזיפּ וויל יוקלען אָוועק־רייסען, אָבער יוקעל לאָזט ניט.)

(מענשען לויפען אַריין פון דער גאַס און רייסען יוקלען אָוועק מיט געוואַלד.)

עטליכע:

וואָס איז געשעהען? וואָס איז געשעהען? (א טהייל האַלטען יוקלען.)

ר׳ משה:

(אין אַ שוואַכער שטימע) נעהמט מיך אהיים. (מענשען טראָגען איהם אַרוים.)

בתיה:

(וויינט) וועה איז צו מיר! וועה איז צו מיין וועלט!

יוקעל:

(פרעהליך) שטיל, בתיה, שטיל! צירעלע איז אונזערע! נישט ר׳ משה׳ס! (צו יוזיפען) נעהם א ביסעל [illegible] יוזיפּ. (ער גיסט אָן אַ גלעזעל און טרינקט; יוקעל [illegible]